## בסעודת בר מצוה של בן הר"ר לייב ראזענבערג הי"ו

יום א' פרשת תזריע - מצורע תשע"ג לפ"ק

**די** מדרש די וואך (ויק"ר יד-א), ברענגט צו א פסוק וואס דוד המלך זאגט (תהלים קלט-ה) אחור וקדם צרתנו. דער אייבערשטער האט מיר באשאפן אחור, צוריקצוועגס, וקדם, און פון פאראויס. זאגט דער מדרש, זכה אדם, ווען א מענטש איז זוכה, זאגט מען אים, אתה קדמת למעשה בראשית, דו ביסט פריער פון די גאנצע בריאה. לא זכה, אז מען איז נישט זוכה, זאגט מען אים, יתוש קדמך, אז דער ווערעמל איז באשאפן געווארן פאר דיר. און דער אמת איז, אז עס איז יתוש קדמך, דער ווערעמל איז טאקע באשאפן געווארן פאר דעם מענטש. דער מענטש איז געווען די לעצטע זאך אין די בריאה וואס דער אייבערשטער האט באשאפן. אבער זכה אדם, ווען א מענטש איז זוכה, זאגט מען אים, אתה קדמת למעשה בראשית, די גאנצע וועלט וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, איז אלעס ווייל עס איז עלה במחשבה, דער אייבערשטער האט קודם מעלה געווען אין זיין מחשבה דעם כלל ישראל. בראשית ברא אלקים (בראשית א-א), בראשית, בשביל ישראל שנקראו ראשית (ב"ר א-א), אין ראשית פון די מעשה איז עלה במחשבה דער כלל ישראל, און פאר יודענס וועגן האט דער אייבערשטער באשאפן די גאנצע וועלט.

**עס** קען זיין א רמז מוסר, פארוואס מען האט אויסגעקליבן דעם יתוש קדמך, אז דער ווערעמל איז פאר דיר. עס איז דא אנדערע ברואים וואס זענען פארן מענטש, אלע שקצים ורמשים, אלע בהמות חיות עופות, אלעס איז פארן אדם, און מען רעדט דוקא פונעם יתוש, אז דער יתוש איז קדמך. עס קען זיין אז עס ליגט דערין א רמז מוסר.

**מען** ווייסט אז עבודת ה' קומט נישט אן גרינג, א בר מצוה בחור ווערט בר מצוה, ער דארף אריינגיין לעול המצות, עס איז א עול, אויסצוואקסן א תלמיד חכם, אויסצוואקסן א בעל יראת שמים, און אויסארבעטן די מדות, צו זיין מיט מדות טובות, די אלע זאכן קומען נישט אן גרינג, עס קומט אן שווער. אבער עס איז תחלתן יסורין וסופן שלוה, עס איז שווער די יונגע יארן, עס איז שווער אז מען זאל זיך פלאגן אויף תורה, עס איז שווער אז מען זאל זיך אריינלייגן אין עבודת ה', אבער דער סוף דערפון, זאגט דער משנה (אבות ו-ד), אם אתה עושה כן, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא. אמת מען דארף זיך פלאגן אויף תורה, כך היא דרכה של תורה, פת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה, ועל הארץ תישן, וחיי צער תחיה, אבער דאס איז נאר דער אנהייב, אם אתה עושה כן, אויב מען טוט אזוי, צום סוף איז מען זוכה צו אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא. און פארקערט, רשעים איז תחלתן שלוה וסופן יסורים, אויף די וועלט לעבן זיי אפ א וועלט פון שלוה, פון צופרידנהייט, אבער סופן יסורים, צום סוף ענדיגט זיך עס מיט יסורים. די וועלט האבן זיי, אבער די וועלט איז א עולם עובר, עס איז א פארגענגליכע וועלט, שפעטער קומט א וועלט וואס איז לנצח נצחים, וואס האט נישט קיין ענדע, און פון יענע וועלט איז ער פארלוירן געווארן, ער האט נישט קיין חלק אין עולם הבא.

**ווען** א מענטש געדענקט דאס שטענדיג, אז וואס מען פלאגט זיך אויף די וועלט דאס איז נישט מער ווי תחלתן, דאס איז נאר דער אנהייב, אבער עס איז דא א סוף, וואס דער סוף וועט זיין שלוה, קומט אים אן גרינגער די עבודת ה', ווייל ער ווייסט אז דאס איז נאר א דורכגאנג, און דער סוף וועט זיין אז ער וועט צוקומען צו שכר פון עולם הבא. אבער אז מען איז נישט משים על הלב, מען לייגט נישט צו צום שכל וואס עס וועט זיין שפעטער, זעהט מען קודם נהנה צו זיין פון די וועלט, הרוג בקר ושחוט צאן וגו' כי מחר נמות (ישעיה כב-יג), קודם לאמיר אריינכאפן

וואס מען קען אויף דעם עולם, און מען טראכט נישט וואס עס וועט זיין נאכדעם.

**זכה** אדם, ווען א מענטש איז זוכה, זאגט מען אים, אתה קדמת למעשה בראשית, דו זאלסט וויסן אז דו ביסט פריער פון די גאנצע בריאה, אלעס וואס דער אייבערשטער באשאפט, האט דער אייבערשטער באשאפן נאר פאר א יוד וואס פירט זיך אויף ערליך, די גמרא (יומא לח:) זאגט, וצדיק יסוד עולם (משלי י-כה), דער אייבערשטער האט באשאפן א גאנצע וועלט אפילו נאר פאר איין צדיק. לא זכה, אז מען איז נישט זוכה, זאגט מען אים, יתוש קדמך, יתו"ש איז די ראשי תיבות ת'חלתן י'סורין ו'סופן ש'לוה, און עס איז אויך די ראשי תיבות פארקערט, ת'חלתן ש'לוה ו'סופן י'סורין. לא זכה, אז ער איז נישט זוכה, זאגט מען אים, יתוש קדמך, נעם דיר אין קאפ אריין, און לייג צו דיין שכל צו יתו"ש, וויסן אז עס איז טאקע תחלתן יסורים, אבער סופן וועט זיין שלוה.

## בסעודת בר מצוה של בן הר"ר שרגא צבי פישמאן הי"ו

יום ה' פרשת תזריע - מצורע תשע"ג לפ"ק

**די** מדרש אנהייב די וואכעדיגע פרשה (ויק"ר יד-א) ברענגט צו דעם פסוק (תהלים קלט-ה), אחור וקדם צרתנו, דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש, אחור וקדם. זכה אדם, ווען א מענטש איז זוכה, אומרים לו, זאגט מען אים, אתה קדמת למעשה בראשית, דו ביסט געווען די ערשטע וואס דער אייבערשטער האט מקדים געווען בשעת ער האט באשאפן די וועלט, לא זכה, אז מען איז נישט זוכה, זאגט מען אים יתוש קדמך. אחור וקדם צרתנו, ווען א יוד איז זוכה, דעמאלטס איז קדם, זאגט מען אים אז דו ביסט געווען פריער פון די בריאה, לא זכה, אז ער איז נישט זוכה, אחור, איז דער מענטש דער לעצטער פון די בריאה.

**די** מפרשים שטעלן זיך, אז מען ווייסט, אז דער אמת איז, אז דער מענטש איז געווען אחור פון די בריאה. אלעס האט דער אייבערשטער באשאפן פאר מען האט באשאפן דעם מענטש, דער מענטש איז באשאפן געווארן די לעצטע זאך נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אלע ברואים. דעם זעקסטן טאג האט דער אייבערשטער באשאפן אדם הראשון, איז ער דאך געווען באמת אחור פון די בריאה. פארוואס זאגט מען, אז אויב מען איז זוכה, אתה קדמת למעשה בראשית, ביסטו פריער פון מעשה בראשית.

**דער** פשוטער פשט דערפון איז, רש"י ברענגט צו, בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ (בראשית א-א), בראשית, בשביל ישראל שנקראו ראשית, אלעס וואס דער אייבערשטער האט באשאפן אויף דער וועלט, איז נאר אין זכות פון יודען וואס האלטן די תורה. בשביל ישראל שנקראו ראשית, בשביל התורה שנקרא ראשית, וועגן יודען וואס האלטן די תורה איז באשאפן געווארן די בריאה. סוף מעשה במחשבה תחלה, דער סוף פון די מעשה, וואס דער מענטש איז באשאפן געווארן, איז עלה במחשבה תחלה.

**דאס** איז נאר ווען א יוד איז זוכה, איז אתה קדמת למעשה בראשית, דעמאלטס איז ער פון די וואס איז עלה במחשבה פונעם אייבערשטען בשעת ער האט באשאפן די וועלט, פאר דעם יוד גיי איך באשאפן מיין וועלט, וואס ער זאל קענען דינען דעם רבונו של עולם דא אויף דעם עולם. לא זכה, אויב ער איז נישט זוכה, דעמאלטס איז ער באמת באשאפן געווארן צום סוף, און עס יתוש קדמך, אפילו דער ווערעמל איז באשאפן געווארן פארן מענטש.

**עס** שטייט אין **כתב סופר** (בפרשתנו), אז דער ביאור דערפון איז נאך טיפער. מען ווייסט אז דער מענטש איז דער קרוין פון די בריאה, די חשוב'סטע וואס איז דא אין די בריאה, איז דער אדם. מען זאל אבער קוקען ווי אזוי דער אייבערשטער האט באשאפן אלע בעלי חיים, און ווי אזוי ער האט באשאפן דעם מענטש, איז דער מענטש אויסגעשטעלט צו די מערסטע

פראבלעמען פון אלע בעלי חיים. די שווערסטע לעבן וואס איז דא אויף די וועלט, האט דער מענטש, מער פון אלע אנדערע בעלי חיים. יעדער בעל חי איז שטערקער פון דעם מענטש, און ער ווערט נישט אזוי שנעל קראנק. אבער א מענטש, יעדע קלייניגקייט וואס טוט אים שטערן, ווערט ער נישט געזונט, און ער ווערט קראנק, און ער דארף א דאקטער וואס זאל אים היילן. - דער אייבערשטער האט באשאפן אזויפיל מיליאנען ברואים בעלי חיים, און דער אייבערשטער איז זן ומפרנס מקרני ראמים עד ביצי כינים (ע"ז ג:), יעדער בעל חי דארף נישט גיין ארבעטן, זיינע זאכן זענען צוגעגרייט, ער האט וואס צו עסן. און דער מענטש, דער נזר פון די בריאה, בנפשו יביא לחמו, ער דארף ארבעטן פאר א שטיקל ברויט, פאר זיין פרנסה טאג טעגליך. ווען עס קומט צו קליידונג, א מענטש דארף זיך פארשאפן בגדים ער זאל זיך קענען קליידן דערמיט, און דער בעל חי דארף עס נישט האבן. אין אלעם איז דער מענטש שוואכער פון בעלי חיים. פארוואס זאגט מען, אז דער מענטש איז דער קרוין פון די בריאה. וואס איז ער דער קרוין פון די בריאה, ווען אלע בעלי חיים שטייען אין א העכערע מדריגה פון אים.

**אמת**, אין גשמיות איז דער מענטש דער שוואכסטער פון אלע ברואים, אבער ווען מען טוט מעסטן זיין רוחניות, וואס האט שוין דער בעל חי אויף די וועלט פון דעם וואס דער אייבערשטער האט אים באשאפן, נאר צו באדינען דעם מענטש. פאר זיך אליין האט ער גארנישט. מיט דעם וואס ער האט זיין פרנסה, און מיט דעם וואס ער איז געזונט, מיט דעם וואס ער דארף זיך נישט פלאגן אויף דעם עולם, פון דעסטוועגן דאך סוף בהמה לשחיטה (ברכות יז.), ער לעבט זיך אפ זיין לעבן און ער שטארבט, און עס בלייבט פון אים גארנישט. ווען א יוד איז זוכה, און ער לעבט אויף די וועלט ערליך, איז ער זוכה צו חיי נצחיים, לעבן אויף די וועלט, אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא.

**ווען** א מענטש איז זוכה, אתה קדמת למעשה בראשית, איז ער די העכסטע וואס איז דא אין מעשה בראשית, ווייל דיין עבודה וועט דיך צוברענגען דערצו, אז די וועלט איז נישט נאר דיין לעבן דא אויף דעם עולם, נאר דאס איז א פרוזדור בפני העולם הבא, חיי נצחיים וואס ווארט אויף אים. לא זכה, אז מען איז נישט זוכה, מען פירט זיך נישט אויף ווי מען דארף, יתוש קדמך, איז בעצם אין גשמיות איז א יתוש חשוב'ער ווי דער מענטש, עס איז אים אסאך גרינגער זיין לעבן ווי דאס לעבן וואס א מענטש דארף אדורכצוגיין.

**מען** זיצט ביי א סעודת בר מצוה, וואס דער בר מצוה בחור גייט אריין לעול התורה והמצות, איז אחור וקדם צרתנו, ער דארף געדענקען שטענדיג אז ער קען זיין אדער אחור פון די בריאה, און ער קען זיין דער קדם פון די בריאה. אז ער איז זוכה און ער פירט זיך אויף ערליך, ער לערנט פלייסיג, און ער דינט דעם אייבערשטען, איז אתה קדמת למעשה בראשית, איז ער דער חשוב'סטער, דער קרוין פון די בריאה, וואס פאר אים האט דער אייבערשטער צוגעגרייט אלעס וואס איז דא אויף דעם עולם. און דאס איז די עבודה ווען מען גייט אריין לעול המצות, נעמען אויף זיך בוחר צו זיין, צו זיין דער ראש למעשה בראשית.